# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:17
מוצאי שב"ק...................8:42

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.........................ירמיה ח'-ט'
בבלי.........................כריתות י'
ירושלמי...................בכורים י"א
תוספתא.......בבא קמא פרק ח'
רמב"ם.....................כלים י"ט


פרשת ראה, א' דראש חודש אלול, אבות פרק ה', שנת תשע"ט לפ"ק — שנה 8, גליון 51 (411)


# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**רְאֵה אָנֹכִי נוֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה.** מוֹהַרָא"שׁ אִיז מַסְבִּיר דֶּעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רע"ב), אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים צה, ז) **"הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ"** אַז עֶס אַ גְרוֹיסֶע כְּלַל אִין אַ מֶענְטְשׁ'ס לֶעבְּן, אַז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג נָאר טְרַאכְטְן פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, סַיי בַּיי גֶעלְט זַאכְן, "צִי הָאבּ אִיךְ אוֹיף 'הַיינְט' צוּ עֶסְן?", "צִי הָאבּ אִיךְ אוֹיף 'הַיינְט' וָואס אִיךְ דַארְף?" מֶען דַארְף נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן וואוּ מֶען וֶועט הָאבְּן מָארְגְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט הַיינְט גֶעהָאלְפְן- וֶועט עֶר מָארְגְן אוֹיךְ הֶעלְפְן.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיים דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף נָאר טְרַאכְטְן פוּן 'הַיינְט', פוּן 'יֶעצְט'. וָואס מֶען קֶען יֶעצְט טוּן אַ נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶען דַארְף נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס מֶען הָאט נֶעכְטְן גֶעטוּן, וָואס גֵייט מֶען מָארְגְן טוּן. עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אוּן וָואס עֶס וֶועט זַיין, דֶער עִיקָר אִיז 'יֶעצְט', מֶען דַארְף פְּרוּבִירְן צוּ טוּן יֶעצְט וָואס מֶען קֶען. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ אַזוֹי, אִיז עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **רְאֵה אָנֹכִי נוֹתֵן לִפְנֵיכֶם 'הַיּוֹם'** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, אִיךְ גֶעבּ דִיר אַ מַתָּנָה דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, אוֹיבּ מֶען הָאט שֵׂכֶל מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף נֶעכְטְן אוּן אוֹיף מָארְגְן, מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיסְצוּנוּצְן דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג וִוי עֶס בְּרוֹיךְ צוּ זַיין, דַאן וֶועט עֶס זַיין, **בְּרָכָה** - אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶער טָאג, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיבּ מֶען וֶועט עֶס אָפְּשְׁטוּפְּן אוֹיף מָארְגְן, 'הַיינְט אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ, מָארְגְן וֶועל אִיךְ אָנְהֵייבְּן עֶפֶּעס טוּן", דֶעמָאלְט, **וּקְלָלָה** - וֶועט עֶס זַיין אַ פַארְשָׁאלְטֶענֶער טָאג.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נִיצְט אוֹיס דִי טֶעג אוּן פִילְט עֶס אָן מִיט גוּטֶע זַאכְן, דָאס וֶועט אִים בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג, עֶס וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה רְאֵה א')

***

**אֵת כָּל הַדָּבָר אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם, אֹתוֹ תִשְׁמְרוּ לַעֲשׂוֹת, לֹא תֹסֵף עָלָיו וְלֹא תִגְרַע מִמֶּנּוּ,** מוֹהַרָא"שׁ אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א סִימָן ו') אַז וֶוען אַ אִיד וִויל תְּשׁוּבָה טוּן, צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶר זִיךְ אוֹיסְקֶענֶען מִיט צְוֵויי וֶועגְן.

עֶר דַארְף וִויסְן סַיי וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט, וֶוען עֶר לֶערְנְט אוּן דַאוֶונְט אוּן דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן סַיי וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, וֶוען עֶר פַאלְט דוּרְךְ אִין עֲבֵירוֹת. וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט דַארְף עֶר וִויסְן, אַז עֶר זָאל נִישְׁט גֵיין אִיבֶּער דִי מָאס, עֶר זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ טוּן זַאכְן וָואס דִי תּוֹרָה הָאט נִישְׁט גֶעהֵייסְן, וַוייל אוֹיבּ עֶר וֶועט אַרוֹיף לֵייגְן אוֹיף זִיךְ מֶער וִויפִיל דִי תּוֹרָה וִויל, וֶועט עֶר זַיין מֶער פוּן זַיינֶע כּוֹחוֹת אוּן עֶס וֶועט פְּלַאצְן. וִוי רַשִׁ"י זָאגְט: **לֹא תֹסֵף עָלָיו, כְּגוֹן חָמֵשׁ טוֹטָפוֹת בִּתְפִלִּין, חֲמִשָּׁה מִינִים בְּלוּלָב וְכוּ',** אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט צוּלֵייגְן מֶער וִויפִיל דִי תּוֹרָה הָאט גֶעהֵייסְן.

אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, וֶוען מֶען פַאלְט אַרָאפּ, מֶען פַאלְט דוּרְךְ, דַארְף מֶען אוֹיךְ וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אוּן אוֹיפְגֶעבְּן אִינְגַאנְצְן, נָאר שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק. פוּן אֵיין זַייט, **לֹא תֹסֵף עָלָיו**, לֵייג נִישְׁט צוּ מֶער וִויפִיל דִי תּוֹרָה הֵייסְט, וַוייל אוֹיבּ יָא וֶועסְטוּ נָאכְדֶעם גָארְנִישְׁט טוּן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, **וְלֹא תִגְרַע מִמֶּנּוּ**, נֶעם נִישְׁט אַרָאפּ, וַוייל דוּ זֶעסְט אַז עֶס גֵייט דִיר שְׁוֶוער, דוּ בִּיזְט דוּרְךְ גֶעפַאלְן, זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶועגְן דֶעם אַלֶעם אוֹיפְגֶעבְּן, נָאר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט גֵייסְטוּ אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, וָואס וֶועט דִיר פִירְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ זַיין אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

(זֹאת הַתּוֹרָה רְאֵה ז')

# מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

## רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל

מִיר הַאלְטְן שׁוֹין רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אָט אָט קוּמְט שׁוֹין דִי הֵיילִיגֶע פָּארְכְטִיגֶע טֶעג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם כִּיפּוּר, אָט אָט גֵייעֶן מִיר שׁוֹין שְׁרַייעֶן בַּיי דִי תְּפִלָּה פוּן "וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף" מִיט גְרוֹיס הִתְעוֹרְרוּת דִי וֶוערְטֶער: "וּתְשׁוּבָה, וּתְפִלָּה, וּצְדָקָה, מַעֲבִירִין אֶת רֹעַ הַגְּזֵרָה!" אוּן וֶוער עֶס אִיז קְלוּג וַוארְט נִישְׁט בִּיז מֶען וֶועט אִים אָנְשְׁרַייבְּן חַ"ו שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת אוּן עֶר וֶועט עֶס דַארְפְן צֶעשְׁטֶערְן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר עֶר הוֹיבְּט שׁוֹין אָן פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט דִי דְרֵיי זַאכְן, מִיט תְּשׁוּבָה, תְּפִלָּה אוּן צְדָקָה, אַזוֹי אַז מֶען זָאל בִּכְלַל נִישְׁט אָנְהוֹיבְּן צוּ מַאכְן אוֹיף אִים שְׁוֶוערֶע גְזֵירוֹת.

יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ אוֹיפְצִיוֶועקְן פוּן דֶעם טִיפְן שְׁלָאף וָואס מֶען אִיז גֶעשְׁלָאפְן אַ גַאנְץ יָאר, אוּן זִיךְ אָנְהֵייבְּן צוּ בַּארֶעכֶענֶען וואוּ מֶען הַאלְט אוֹיף דִי וֶועלְט, צוּ תְּשׁוּבָה טוּן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דֶערְצֵיילְט פוּן צַדִיקִים אַז וֶוען מֶען הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, וֶוען דֶער חַזָן הָאט גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער "רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל יִהְיֶה בְּיוֹם.." הָאט זֵיי שׁוֹין גֶעכַאפְּט אַזַא צִיטֶער. בְּלוֹיז דָאס דֶערְמַאנֶען אַז עֶס קוּמְט שׁוֹין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, דָאס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען זֵייעֶר בֶּעסְטֶע מוּסָר סֵפֶר זִיךְ אוֹיפְצִיוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, אוּן זִיךְ אָנְהֵייבְּן גְרֵייטְן צוּם נֵייעֶם יָאר וָואס קוּמְט.

דֶער צַדִיק רֶבִּי מֹשֶׁה קַאבְּרִינֶער זִי"ע פְלֶעגְט

<<<<<<

# א גוט ווארט

גֵיי אַרוֹיס פוּן דַיין קַטְנוּת, פוּן דַיינֶע זָארְגְן אוּן פוּן דַיינֶע קְרֶעכְצְן, טְרַאכְטְנְדִיג שְׁטֶענְדִיג: 'וָואס וֶועט זַיין?' 'וָואס וֶועט זַיין?'. שִׂמְחָה עֶפֶנְט אוֹיף דֶעם מֹחַ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן י): "דַּע, שֶׁעַל יְדֵי מָרָה שְׁחוֹרָה אִי אֶפְשָׁר לְהַנְהִיג אֶת הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְעַל כֵּן קָשֶׁה לוֹ לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ, רַק עַל יְדֵי הַשִּׂמְחָה יוּכַל לְהַנְהִיג הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְיוּכַל לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ, כִּי שִׂמְחָה הוּא עוֹלָם הַחֵרוּת".

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ קֶען עֶר טְרַאכְטְן גְרָאד אוּן עֶר קֶען אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין פַארְמַאכְטְקֵייט; דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ שְׁנֶעלֶער אַנְטְוִויקְלֶען אַז דוּ וֶועסְט טַאנְצְן מִיט זֵיי, דָאס אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט לָאזְט זֵיי נִישְׁט טְרַאכְטְן, עֶס פַארְמַאכְט זֵיי וְכוּ'. טַאנְץ אוּן זִינְג אִין שְׁטוּבּ מִיט שִׂמְחָה, וֶועט אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט וֶוערְן לְטוֹבָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' רְאֵה תשע"ט)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## וִוי אַזוֹי הַאלְט מֶען זִיךְ רוּאִיג מִיט אַזֶעלְכֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע נַייעֶסְן ?

**שְׁאֵלָה :**

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶה מִיט דִי שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ הָאבּ אַ זַאךְ וָואס נֶעמְט מִיר מַמָשׁ צוּ דִי מְנוּחָה, אִיךְ לֵיין דִי נַייעֶס יֶעדֶע וָואךְ שַׁבָּת, אוּן אִיךְ זֶע אַז דֶער מַצָב אוֹיף דֶער וֶועלְט ווערְט מֶער אוּן מֶער אָנְגֶעצוֹיגְן צְוִוישְׁן אַלֶע לֶענְדֶער, אוּן אִיךְ צִיטֶער אוֹיבּ עֶס וֶועט חַס וְשָׁלוֹם אוֹיסְבְּרֶעכְן אַ מִלְחָמָה, וָואס עֶס קֶען חַס וְשָׁלוֹם גֶעשֶׁען. אַסַאךְ מָאל קֶען אִיךְ מַמָשׁ נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן פַאר נֶערְוֶועזְקֵייט, טְרַאכְטְנְדִיג וָואס וֶועט זַיין מָארְגְן. אִיז דָא עֶפֶּעס אַן עֵצָה פַאר דֶעם ? יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה :**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַן, י"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קוֹדֶם כָּל זָאלְסְטוּ וויסְן עַל פִּי הֲלָכָה טָאר מֶען נִישְׁט לֵיינֶען שַׁבָּת קַיין צֵייטוּנְג, אַזוֹי ווִי עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקֶ'נְט (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן שז, סְעִיף טז; עַיֵּין מִשְׁנָה בְּרוּרָה סְעִיף קָטָן סג). וּבִפְרַט אַז דָאס מַאכְט דִיר דֶערְשְׁרָאקְן אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז מֶען טָאר נִישְׁט (מִשְׁנָה בְּרוּרָה סִימָן שז, סְעִיף קָטָן ג).

אֲפִילוּ אִין דִי וָואכְן טֶעג זָאלְסְטוּ נִישְׁט לֵיינֶען קַיין צֵייטוּנְגֶען, וַוייל עֶס נֶעמְט צוּ דֶעם מֹחַ מַחְשָׁבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אוּמְזִיסְטֶע פְּחָדִים וְכוּ'. דֶער הֵיילִיגֶער מִנְחַת אֶלְעָזָר טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק פוּן דִי תּוֹכָחָה (וַיִּקְרָא כו, לו): "וְהֵבֵאתִי מֹרֶךְ בִּלְבָבָם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה וֶועל אִיךְ בְּרֶענְגֶען אַ מוֹרָא אִין עֶנְק, "וְרָדַף אֹתָם קוֹל עָלֶה נִדָּף", אִיר וֶועט אַנְטְלוֹיפְן פַאר שְׁרֶעק פוּנֶעם קוֹל וָואס דִי בְּלֶעטְלֶעךְ גֶעבְּן אַרוֹיס וֶוען דִי ווינְט בְּלָאזְט אוֹיף דֶעם, טַייטְשְׁט עֶר (בְּסֵפֶר חַיִּים וְשָׁלוֹם) אַז דֶער "עָלֶה נִדָּף", מֵיינְט מֶען דֶער פַארְשְׁטוּנְקֶענֶעם בְּלֶעטְל פוּן אַ צֵייטוּנְג וָואס דֶערְשְׁרֶעקְט טָאג אַיין טָאג אוֹיס פוּן מִלְחָמוֹת וְכַדוֹמֶה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה בְּרֶענְגֶען (תּוֹרַת כֹּהֲנִים, ז) רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן קָרְחָה הָאט דֶערְצֵיילְט, "פַּעַם אַחַת הָיִינוּ יוֹשְׁבִים בֵּין הָאִילָנוֹת", אֵיינְמָאל זֶענֶען מִיר גֶעזֶעסְן צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער, "וְנָשְׁבָה הָרוּחַ וְהִטִּיחוּ הֶעָלִים זֶה בָּזֶה", אִינְמִיטְן הָאט אַ ווִינְט צֶעבְּלָאזְן דִי בֵּיימֶער אוּן דִי בְּלֶעטְלֶעךְ הָאבְּן זִיךְ גֶעשָׁאקְלְט אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵויטְן אוּן אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ קוֹל, "עָמַדְנוּ וְרַצְנוּ וְאָמַרְנוּ 'אוֹי לָנוּ שֶׁמָּא יַדְבִּיקוּנוּ הַפָּרָשִׁים !'", מִיר זֶענֶען אַנְטְלָאפְן פוּן פַּחַד אַז מֶען גֵייט אוּנְז הַרְגְ'נֶען, "לְאַחַר זְמַן נִפְנִינוּ אַחֲרֵינוּ, וְרָאִינוּ שֶׁאֵין בְּרִיָּה", נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶעזֶען אַז קֵיינֶער יָאגְט נִישְׁט אוּן קֵיינֶער לוֹיפְט אוּנְז נִישְׁט נָאךְ, הָאבְּן מִיר גֶעוֵוייְנְט אַז עֶס אִיז מְקוּיָם גֶעוָוארְן בַּיי אוּנְז דָאס וָואס שְׁטֵייט "וְרָדַף אֹתָם קוֹל עָלֶה נִדָּף"; אַזַא פָּנִים הָאבְּן דִי וָואס לֵיינֶען צֵייטוּנְגֶען, מֶען וֶוערְט דֶערְשְׁרָאקְן אוּן צֶעמִישְׁט. מֶען קֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן פוּן פַּחַד, בְּשְׁעַת קֵיינֶער יָאגְט נִישְׁט אוּן קֵיינֶער רוֹדְפְ'ט נִישְׁט.

תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ נֶעמֶען נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם צֵייטוּנְג אוּן קַיין שׁוּם מַאגַאזִין; דֶער גַאנְצֶער צֵייטוּנְג אִיז אֵיין שְׁטִיק לֵיצָנוּת אוּן אֵיין גְרוֹיסֶער בְּלָאף. דִי צִיל פוּן אַ צֵייטוּנְג אִיז נָאר צוּ וַוייזְן (צְפַנְיָה ב, טו): "אֲנִי וְאַפְסִי עוֹד", אִיךְ, אִיךְ אוּן נָאכְאַמָאל אִיךְ, אוּן עוֹלָם גוֹלָם שְׁטֵייט אוּן לֵיינְט דָאס בְּשְׁעַת מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ טָאג נָאךְ אַ טָאג אַ וָואךְ נָאךְ אַ וָואךְ אוּן מֶען הָאט גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן, דָאס אִיז חוּץ דֶעם וָואס עֶס נֶעמְט אַוֶועק דָאס יִרְאַת שָׁמַיִם פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלָאזְט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם צֵייטוּנְג; שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א נָאר לֶערְנֶען אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט בִּכְלַל אַז עֶס אִיז דָא צֵייטוּנְגֶען בִּיז אִיךְ בִּין גֶעפָארְן לֶערְנֶען אִין יְשִׁיבָה וואוּ הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען דָאס רַחֲמָנוּת פוּן דִי וָואס לֵיינֶען שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת דֶעם נַארִישְׁן צֵייטוּנְג.

שַׁבָּת אִיז אַ צַייט פוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ, פֶּרֶק א): אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים קלט, טז): "'יָמִים יֻצָּרוּ וְלוֹ אֶחָד בָּהֶם', זֶה יוֹם שַׁבָּת לְיִשְׂרָאֵל; אַף עַל פִּי שֶׁאַתֶּם עוֹשִׂים מְלָאכָה כָּל שֵׁשָׁה יָמִים", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אַרְבֶּעט אַ גַאנְצֶע וָואךְ, "יוֹם הַשַּׁבָּת יַעֲשֶׂה כּוּלוֹ תּוֹרָה", זָאל עֶר אוֹיסְנוּצְן שַׁבָּת אוֹיף לֶערְנֶען תּוֹרָה, "מִכָּאן אָמְרוּ: לְעוֹלָם יַשְׁכִּים אָדָם וְיִשְׁנֶה בְּשַׁבָּת, וְיֵלֵךְ לְבֵית הַכְּנֶסֶת וּלְבֵית הַמִּדְרָשׁ, יִקְרָא בַּתּוֹרָה וְיִשְׁנֶה בַּנְּבִיאִים, וְאַחַר יֵלֵךְ לְבֵיתוֹ וְיֹאכַל וְיִשְׁתֶּה, לְפִי שֶׁאֵין לוֹ מְנוּחָה לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אֶלָּא עִם עוֹשֵׂי תּוֹרָה בִּלְבַד", דֶערְפַאר זָאל אַ מֶענְטְשׁ אוֹיפְשְׁטֵיין שַׁבָּת צוּפְרִי אוּן גֵיין אִין שׁוּל לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אוּן נָאכְדֶעם אַהֵיים גֵיין מַאכְן דִי סְעוּדָה, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט קַיין נַחַת פוּנֶם מֶענְטְשׁ נָאר וֶוען עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה.

אַז דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער, דוּ וֶועסְט מֶער נִישְׁט אַרַיין קוּקְן אִין צֵייטוּנְגֶען וְכַדוֹמֶה וֶועט דִיר גוּט זַיין בָּזֶה וּבְבָא.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' וָאֶתְחַנַן תשע"ט)

>>>>>>

דֶערְצֵיילְן אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד פוּן זֶעקְס יָאר, הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁפִּילְט אֵיינְמָאל מִיט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, אִינְמִיטְן אִיז זַיין גְרוֹיסֶע שְׁוֶועסְטֶער גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט: "משֶׁה'לֶע, מֶען הָאט שׁוֹין גֶעבֶּענְטְשְׁט חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוּן אֲפִילוּ דִי פִישׁ אִין וַואסֶער צִיטֶערְן, אוּן דוּ שְׁפִּילְסְט זִיךְ נָאךְ?!" וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צִיטֶערְן, אַז בִּיז הַיינְט שְׁפִּירְט עֶר נָאךְ דֶעם צִיטֶער, וַוייל זַיין שְׁוֶועסְטֶער אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת אוּן זִי הָאט עֶס גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס תְּמִימוּת אַז עֶס אִיז אִים אַרַיין אִין דִי בֵּיינֶער, אוּן פוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דַארְף גֶעדֶענְקְן אַז עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס דֶעמָאלְט אִיז דֶער יוֹם הַדִין, מֶען גֵייט אָנְשְׁרַייבְּן פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ פוּנְקְטְלִיךְ וָואס עֶס גֵייט פַּאסִירְן מִיט אִים דִי גַאנְצֶע יָאר, אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ גוּט צוּגְרֵייטְן מִיט תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן זְכוּתִים, אַז מֶען זָאל וֶוערְן פַארְשְׁרִיבְּן בְּסֵפֶר הַחַיִּים, מֶען זָאל הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

### מֶען בְּרֶענְט אוּן מֶען בְּרֶענְט

מֶען דַארְף אָבֶּער אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז מֶען זָאל נִישְׁט זַיין פוּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן וֶועם רֶבִּי נָתָן הָאט גֶערֶעדְט. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל, מֶען בְּרֶענְט אוּן מֶען בְּרֶענְט.. אוּן מֶען טוּט גָארְנִישְׁט"... אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "עֶס קוּמְט דִי אֱלוּל טֶעג, מֶען וֶוערְט פְרוּם פְרוּם פְּרוּם, נִישְׁט מֶען לֶערְנְט אוּן נִישְׁט מֶען דַאוֶוענְט".

עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַז מֶען רֶעדְט פוּן אֱלוּל, מֶען רֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֱלוּל. נָאר מֶען דַארְף זֶען צוּ טוּן צוּ דִי זַאךְ, מֶען דַארְף זֶען צוּ אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס קֶען מֶען זֶען בַּיי מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים, עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס לָאזְן אִיבֶּער זֵייעֶר מִשְׁפָּחָה פַאר גַאנְץ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוּן זֶעצְן זִיךְ אַרַיין בַּיי קִבְרֵי צַדִיקִים אוֹיסְצוּנִיצְן דֶעם הֵיילִיגְן חוֹדֶשׁ. דָארְט קֶען מֶען זֶען מַמָשׁ דִי שִׂיחָה פוּן רֶבִּי נָתָן. מֶענְטְשְׁן זֶעצְן זִיךְ דָארְט אַרָאפּ אוּן מֶען זָאגְט עֶטְלִיכֶע קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים, אוּן אִינְצְווִישְׁן קוּמֶען אָן בַּאזוּכֶער, לָאזְט מֶען גְלַייךְ אָפּ דֶעם תְּהִלִים, אוּן מֶען לוֹיפְט זֶען וֶוער דִי פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען, אוּן מֶען בֶּעט שׁוֹין אַבִּיסְל שְׁלִיחַ-מִצְוָה גֶעלְט פוּן זֵיי, אוּן דֶערְנָאךְ גֵייט מֶען צוּרִיק צוּם תְּהִלִים. פְּלוּצְלִינְג וֶוערְט מֶען הוּנְגֶערִיג אוּן מֶען גֵייט זוּכְן עֶפֶּעס צוּ עֶסְן, דֶערְנָאךְ וֶוערְט מֶען מִיד אוּן מֶען לֵייגְט זִיךְ צוּ אַבִּיסְל שְׁלָאפְן, אוּן אַזוֹי גֵייט אַרִיבֶּער דֶער טָאג מִיט גָארְנִישְׁט. אוֹיסֶער עֶטְלִיכֶע יְחִידֵי סְגוּלָה וָואס נוּצְן טַאקֶע דִי צַייט, אוּן זֵייעֶר מוֹיל הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ גֵיין מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי גַאנְצֶע חוֹדֶשׁ.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגְן אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ אַז דִי פֶערְצִיג טֶעג פוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל בִּיז נָאךְ יוֹם כִּיפּוּר, אִיז דָא דֶעמָאלְט אַזַא גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן אִין הִימְל, דִי זֶעלְבֶּע ווִי וֶוען מֶען עֶפֶענְט אוֹיף דֶעם אָרוֹן קוֹדֶשׁ, וָואס דֶעמָאלְט אִיז בַּאקַאנְט אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן וָואס מֶען קֶען אַלֶעס אוֹיסְ'פּוֹעֶלְ'ן בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, דִי זֶעלְבֶּע עֵת רָצוֹן אִיז אוֹיךְ דָא אִין דִי גַאנְצֶע פֶערְצִיג טֶעג.

וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל נוּצְט אוֹיס דִי טֶעג מִיט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר זִיכֶער פּוֹעֶלְ'ן גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

### עֶס אִיז נִישְׁט דָא גֶענוּג צַייט

דֶער אֱמֶת אִיז אַז וֶוען מֶען מַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן מִיט יִשׁוּב הַדַעַת, זֶעט מֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג דִי גַאנְצֶע חוֹדֶשׁ אֱלוּל צוּ קֶענֶען עֶנְדִיגְן דִי פִילֶע שִׁיעוּרִים וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְּלֶעגְן הָאבְּן אִין דֶעם חוֹדֶשׁ. וֶוער עֶס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן פְּרוּבִּירְט אַרַיינְצוּכַאפְּן אִין דֶעם חוֹדֶשׁ צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ תַּנַ"ךְ, אַלֶע רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, תִּיקוּנֵי זֹהַר, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, הֲלָכוֹת פוּן דִי יָמִים נוֹרָאִים, אוּן נָאךְ אוּן נָאךְ, אוּן דָאס אִיז שׁוֹין אוֹיסֶער דִי אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס מֶען הָאט שׁוֹין פוּן אַ גַאנְץ יָאר, אִיז ווִי בְּלַייבְּט נָאךְ אִיבֶּער עֶפֶּעס צַייט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דֶעם חוֹדֶשׁ ?

מֶען זֶעט אַז אֲפִילוּ אִין דִי פְּלֶעצֶער וואוּ עֶס אִיז נִישְׁט אַיינְגֶעפִירְט צוּ זָאגְן "יוֹם כִּיפּוּר קָטָן" יֶעדְן עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, זָאגְט מֶען עֶס אָבֶּער אִיבֶּערָאל עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, וַוייל וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל בַּאקוּמְט יֶעדֶער אִיד אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, יֶעדֶער ווִיל תְּשׁוּבָה טוּהן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### אַל תִּפְנוּ אֶל הָאֱלִילִים

עֶס דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אַ טַייטְשׁ וָואס אֵיינֶער הָאט גֶעזָאגְט אוֹיפְ'ן פָּסוּק "אַל תִּפְנוּ אֶל הָאֱלִילִים", אַז מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן

<<<<<<

>>>>>>
קַיין גְרוֹיסֶע עֵסֶק פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל. דָאס טָאר נִישְׁט מֶען זָאגְן, אַזַא טֵייעֶרֶע חוֹדֶשׁ וָואס אִיז אֵייבִּיג גֶעוֶוען אָנְגֶענוּמֶען בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַלְס אַ צַייט פוּן תְּשׁוּבָה אוּן זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן דִי מַעֲשִׂים, קֶען מֶען עֶס נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן מִיט אַ וֶוערְטְל.

אַנְדֶערֶע הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דֶער טַייטְשׁ גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דֶעם וָואס גֶעוִויסֶע ווִילְן אַיינְפִירְן אַ נֵייעֶ מִנְהָג אַז מֶען מַאכְט נִישְׁט חֲתוּנָה אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוֹיף דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין עֵסֶק פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל. דָאס קֶען שׁוֹין יָא זַיין אֱמֶת, אַזַא מִנְהָג שְׁטֵייט נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ, עֶס אִיז קֶעגְן דִי הֲלָכָה אוּן קֶעגְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, עֶס וֶוערְט נִישְׁט דֶערְמַאנְט אִין קַיין שׁוּם פּוֹסֵק אַז מֶען זָאל נִישְׁט חֲתוּנָה מַאכְן חוֹדֶשׁ אֱלוּל. פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, דֶער חוֹדֶשׁ אִיז מְסוּגָל פַאר אַלֶעס, אוּן אוֹיךְ פַאר חֲתוּנָה מַאכְן.

וואוּיל אִיז פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס נוּצְט אוּיס דֶעם חוֹדֶשׁ ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מִיט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט אַסַאךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אַוַודַאי דַארְף מֶען הִתְחַזְּקוּת אוֹיף דֶעם אוֹיךְ, וַוייל אַסַאךְ מָאל נֶעמְט מֶען זִיךְ אוּנְטֶער צוּ עֶנְדִיגְן אַסַאךְ שִׁיעוּרִים אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוּן דֶערְנָאךְ קוּמְט מֶען נִישְׁט אָן עֶס צוּ עֶנְדִיגְן אִינְגַאנְצְן, דַארְף מֶען ווִיסְן אַז אוּיבּ מֶען הָאט עֶס נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל קֶען מֶען עֶס נָאךְ מַשְׁלִים זַיין בִּיז שִׂמְחַת תּוֹרָה, אוּן אוּיבּ מֶען הָאט עֶס נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט בִּיז שִׂמְחַת תּוֹרָה קֶען מֶען נָאךְ מַשְׁלִים זַיין בִּיז זֹאת חֲנוּכָּה וָואס אִיז נָאךְ אַ הֶמְשֵׁךְ פוּן דִי יָמִים נוֹרָאִים, אַזוֹי ווִי דִי סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים שְׁרַייבְּן, מֶען טָאר אָבֶער נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן אוּיסְצוּנִיצְן דִי טֶעג, אוּן נִישְׁט אָנְבְּרֶענְגֶען דִי טַייעֶרֶע צַייט, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען הָאבְּן אַ גוּטֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אוּיבּ דֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גוּט וֶועט קוּמֶען אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר פוּל מִיט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחְנִיּוּת.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ חֵלֶק ב׳ וְחֵלֶק ט״ז עֶרֶךְ אֱלוּל)

>>>>>>
אינגאנצן געענדיגט דעם דאך פון אויבן. די רופינג ארבעט איז שוין ב"ה געענדיגט פארטיג, עס וועט שוין בעז"ה נישט אריינרעגענען פונעם דאך. אזוי אויך האט מען שוין באשטעלט די פענסטערס פאר די העכסטע צוויי שטאקן [וואס וועט נאך נישט זיין אין באנוץ היי יאר]. אויך איז שוין באשטעלט געווארן די הערליכע שטארקע גלאזענע ווענט פאר די טרעפן צימער פון אונטן ביז אויבן - וואס וועט זיין הערליך שיין, עס וועט האבן א ספעציעלע טינט מ׳זאל קען געהעריג ארויסקוקן, און אויך וועט די ליכטיגקייט פון די הערליכע זון אריינקומען, אבער פונדרויסן וועט עס זיין ווי א הערליכע שווארצע שפיגל. העכער די טרעפ וועט אינסטאלירט ווערן א הערליכע זעקס פוסיגע רינדיגע שווארצע שפיגל גלאז, דערויף וועט געלייגט ווערן א הערליכע גאלדענע "ברסלב קרוין", וואס וועט צוגעבן א פראכט צום בנין. יעצט ווערט אויך אריינגעלייגט אסאך ארבעט אין די קאך, עס ווערט אינסטאלירט געהעריגע קאמערציאלע סינקס, עס ווערן געבויעט געהעריגע שעלפס, און אזוי ווייטער.

אזוי אויך ארבעט מען יעצט פעסט אויף די פערטע שטאק (די צווייטע שטאק פון די שלאף צימערן, וואס גייט היי יאר בעז"ה באנייט ווערן), מ׳לייגט ווייטער די טיילס, עס ווערן אינסטאלירט די טירן, עס ווערן געצויגן עלעקטריק און פלאמבינג, און דערנאך וועט מען בעז"ה פעינטן.

**הראש השנה שלי עולה על הכל!**

***

## בחורי הישיבה פארן ארויס צום ציון הקדוש פון רביה"ק מסאטמאר זצוק"ל ביומא דהילולא

די וואך זענען די בחורים ארויסגעפארן פון קעמפ צום ציון הקדוש אין קרית יואל זיך אויסצובעטן אלעס גוטס אין טאג פונעם יארצייט רביה"ק מסאטמאר זצוק"ל.

אזוי ווי עס איז שוין איינגעפירט אלע יארן, פארן די בחורים ארויס אינאיינעם יעדעס יאר צו די יארצייט, אויסצונוצן דעם גרויסן טאג און זיך אויסבעטן בדבר ישועה ורחמים ביים ציון הק׳. דאס איז אויסער עטליכע מאל במשך די יאר וואס די גאנצע ישיבה כאפט זיך אריבער אינאיינעם זיך אויסצובעטן ביים ציון הק׳ אין יעדע דערהויבענע געלעגנהייט.

מוהרא"ש פלעגט אסאך נאכזאגן וואס ער האט אליין מיטגעלעבט און געהערט פון רבי'ן פון די יארן ווען ער האט זוכה געווען זיך אסאך צו דרייען ביי אים, צוצוקוקן צו זיין עבודת הקודש, און צו הערן זיינע הייליגע תורות. און מוהרא"ש פלעגט זיך אויך כסדר אריבערכאפן קיין קרית יואל זיך אויסצובעטן ביים ציון הק׳.

די בחורים האבן זיך צוריק געקערט אין קעמפ מיט א רואיגע געוויסן, נאכן אויס׳פועל׳ן אלעס גוטס ביים הייליגן ציון.

**תורתו מגן לנו, הוא מאירת עינינו!**

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב




## ווִי אַזוֹי וֶוער אִיךְ נָאנְט מִיט מַיין זוּן, וֶועמֶען אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעשְׁלָאגְן אוּן פַארְשֶׁעמְט?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ נֵייעֶם בְּלִיק אִין לֶעבְּן אִין אַלֶע עִנְיָנִים, עֶס הָאט מִיר פִיל גֶעהָאלְפְן אִין אַלֶע עִנְיָנִים אִין לֶעבְּן.

אִיךְ ווִיל ווִיסְן וָואס אִיךְ קֶען טוּן, אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ לֵיידֶער נִישְׁט גֶעוואוּסְט ווִי אַזוֹי מְחַנֵךְ צוּ זַיין דִי קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעטוּן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בַּיי מַיין טַאטְן, צוּ שְׁלָאגְן, צִיפְּן, שְׁטוֹיסְן אוּן פַארְשֶׁעמֶען, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס הָאט גֶעמַאכְט אַז מַיין זוּן זָאל וֶוערְן זֵייעֶר דֶערְוַוייטֶערְט פוּן מִיר.

נָאכְ׳ן אָנְהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים, הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעכַאפְּט ווִי נִישְׁט רִיכְטִיג אִיךְ הָאבּ גֶעהַאנְדְלְט, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, אוּן אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן מַיין זוּן, אָבֶער לְמַעֲשֶׂה שְׁפִּירְט עֶר זִיךְ נָאךְ זֵייעֶר דֶערְוַוייטֶערְט פוּן מִיר.

ווִיל אִיךְ ווִיסְן וָואסֶערֶע הִשְׁתַּדְלוּת אִיךְ קֶען טוּן צוּ מְקָרֵב זַיין צוּרִיק מַיין זוּן, אַז מִיר זָאלְן וֶוערְן צוּרִיק בְּאַהֲבָה וְאַחְוָה וְשָׁלוֹם וְרֵעוּת.

**יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.**

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י״ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

פוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס; אַז אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶס עֶרְנְסְט, עֶר ווִיל אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים קֶען עֶר אַלֶעס מְתַקֵן זַיין. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן קיב): ״אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן״, אוּיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט טוּן שְׁלֶעכְטְס, גְלֵייבּ אוֹיךְ אַז דוּ קֶענְסְט פַארְרֶעכְטְן.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז דוּ הָאסְט אַ נֵס אַז דַיין זוּן הַאלְט זִיךְ נָאךְ בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה, וַוייל בְּדֶרֶךְ כְּלַל וֶוען אַ קִינְד כַאפְּט אַרַיין אַזֶעלְכֶע זַאכְן פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן, אַזוֹי ווִי דוּ שְׁרַייבְּסְט: ״שְׁלָאגְן, צִיפְּן, שְׁטוֹיסְן אוּן פַארְשֶׁעמֶען״ - גֵייעֶן זֵיי אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה הַשֵּׁם יְרַחֵם. אַלֶע בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ וָואס גֵייעֶן אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה - רוּבָּם כְּכוּלָּם זֶענֶען דִי עֶלְטֶערְן שׁוּלְדִיג אִין דֶעם, נָאכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן מְחַנֵךְ גֶעוֶוען דִי קִינְדֶער דוּרְךְ ״שְׁלָאגְן, צִיפְּן, שְׁטוֹיסְן אוּן פַארְשֶׁעמֶען״, זֵיי הָאבְּן אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין דִי קִינְדֶער אַ שִׂנְאָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה.

וֶוען מֶען טְרַאכְט אַרַיין זֶעט מֶען אַז דִי וֶועג פוּן שְׁלָאגְן, צִיפְּן, שְׁטוֹיסְן אוּן פַארְשֶׁעמֶען אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חִינוּךְ; וֶוען מֶען שְׁלָאגְט אַ קִינְד אִיז דָאס נָאר אוֹיסְצוּגֶעבְּן דִי אֵייגֶענֶע נֶערְוְון. מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער; סֵיי עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט אוּן סֵיי עֶס וֶוערְט נָאר עֶרְגֶער וְכוּ׳.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג דֶערְצֵיילְן פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן יֶעדֶע זַאךְ בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוֹת פוּן זַיין לֶעבְּן אוּן פְרֶעגְן צִי עֶר הָאט גוּט גֶעטוּן אָדֶער נִישְׁט, אַמָאל הָאט רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן: ״מַיין זוּן הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרַיין קוּמֶען שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדָה צוּם טִישׁ זִיצְן נֶעבְּן דֶעם גַאסְט וָואס אִיךְ הָאבּ אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט, וַוייל עֶס אִיז גֶעגַאנְגֶען פוּן אִים אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ וְכוּ׳, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעגֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ אַז עֶר זָאל פָאלְגְן אוּן אַרַיין קוּמֶען צוּ דִי סְעוּדָה״, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: ״אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען?!״ פוּן דֶעם דִיבּוּר אִיז שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז מֶען שְׁלָאגְט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער.

וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן גְרוֹיסֶע קִינְדֶער, דָאס אִיז אַ בְּפֵירוּשׁ׳עֶ הֲלָכָה (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמ, סְעִיף כ) אַז גְרוֹיסֶע קִינְדֶער טָאר מֶען נִישְׁט שְׁלָאגְן, מֶען אִיז עוֹבֵר אוֹיף (וַיִּקְרָא יט, יד): ״וְלִפְנֵי עִוֵּר לֹא תִתֵּן מִכְשֹׁל״, וַוייל זֵיי קֶענֶען צוּרִיק שְׁלָאגְן אוּן אִיבֶּערְלָאזְן דָאס אִידִישְׁקֵייט; ווִי מֶעג אַ אִיד שְׁלָאגְן, צִיפְּן, שְׁטוֹיסְן אוּן פַארְשֶׁעמֶען דִי קִינְדֶער? ווִי קֶען אַ אִיד אוֹיפְהֵייבְּן אַ הַאנְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אִיד?! אַ גוֹי שְׁלָאגְט וְכוּ׳.

דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער מְקָרֵב זַיין דַיין זוּן; עֶס וֶועט נֶעמֶען אַ שְׁטִיק צַייט ווִי לַאנְג עֶס וֶועט זִיךְ פַארְהֵיילְן זַיינֶע וֶוייטָאג פוּן דִי קְלֶעפּ אוּן פַארְשֶׁעמוּנְגֶען וָואס עֶר הָאט גֶעכַאפְּט אוּן פַארְשֶׁעמְט גֶעוָוארְן פוּן דִיר הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ, אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אַסַאךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשִׂים, אוּן מִיט תְּפִילָּה וֶועט עֶס אַרוֹיסְגֵיין פוּן אִים.

נֶעם זִיךְ אוּנְטֶער צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא״שׁ אוֹיף חִינוּךְ הַיְלָדִים; סֵיי דִי אִידִישֶׁע קוּנְטְרֵסִים: ״גֶעדוּלְד צוּ קִינְדֶער״ ״צֶעשְׁנַייד מִיךְ נִישְׁט״, אוּן ״אִידִישׁ נַחַת״, אוּן סֵיי דִי קוּנְטְרֵסִים אוֹיף לְשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ: ״אוֹצַר חִינּוּךְ הַיְלָדִים״, צוּ רַאטֶעוֶוען נָאךְ קִינְדֶער פוּן וֶוערְן דֶערְמָארְדֶעט פוּן דִי עֶלְטֶערְן. אִין דֶעם זְכוּת וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר מוֹחֵל זַיין.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ׳ וָאֶתְחַנַּן תשע״ט)

BreslevCenter.com\answers




**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים קען מען זען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**

**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 845-200-7132**

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (לט)

אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי קוּמְט צוּרִיק פוּן קַאמִינִיץ, אוּן זָאגְט גְלַייךְ אַז עֶר וִויל פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

קעט

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "וֶוער ס'וֵוייסְט פַארְוָואס אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז גֶעוֶוען קוֹדֶם אִין דִי הֶענְט פוּן כְּנַעַן, אוּן דֶערְנָאךְ הָאבּ דִי אִידְן עֶס בַּאקוּמֶען, דֶער וֵוייסְט אוֹיךְ פַארְוָואס אִיךְ בִּין גֶעוֶוען קוֹדֶם אִין קַאמִינִיץ, אוּן נָאכְדֶעם פָאר אִיךְ קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל".

קפ

עֶרֶב פֶּסַח אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן מִקְוֶה אוּן גֶעזָאגְט פַאר דֶעם וָואס אִיז מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיט אִים אַז דָאס יָאר וֶועט עֶר זִיכֶער זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. [דֶער רֶבִּי אִיז דַאן אַלְט גֶעוֶוען זֶעקְס אוּן צְוָואנְצִיג יָאר].

יֶענֶעם פֶּסַח הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים ע"ז, כ') "וּשְׁבִילְךָ בְּמַיִם רַבִּים וְעִקְּבוֹתֶיךָ לֹא נֹדָעוּ", עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּן אָנְהוֹיבּ פָּסוּק אוֹיפְ'ן סוֹף, אוּן אוֹיף דֶעם הָאט עֶר גֶעזָאגְט תּוֹרָה מִיטְ'ן פַארְעֶנְטְפֶערְן דִי קַשְׁיָא, אוּן פוּן דִי תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט דַאן גֶעזָאגְט הָאט שׁוֹין יֶעדֶער פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר וֶועט זִיכֶער פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

קפא

אִין לוֹיף פוּנֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח הָאט דֶער רֶבִּי קְלָאר גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל עֶר וִויל מְקַיֵּים זַיין דָארְט אַלֶע תַּרְיַ"ג מִצְוֹת, עֶר וֶועט צוּזַאמְנֶעמֶען אַלֶע מִצְוֹת וָואס גֵייט אָן נָאר אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, צוּזַאמֶען מִיט דִי מִצְוֹת פוּן חוּץ לָאָרֶץ, אוּן זֵיי אַלֶע מְקַיֵּים זַיין צוּזַאמֶען בְּרוּחְנִיוּת, אוּן דֶערְנָאךְ וֶועט עֶר שׁוֹין אוֹיךְ קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין אַלֶע מִצְוֹת גֶעהֶערִיג בְּגַשְׁמִיוּת.

קפב

אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ מַשִּׂיג זַיין חָכְמָה עִלָּאָה. וַוייל ס'אִיז דָא חָכְמָה עִלָּאָה אוּן חָכְמָה תַּתָּאָה, אוּן חָכְמָה תַּתָּאָה הָאט עֶר שׁוֹין, עֶר דַארְף נָאר נָאךְ מַשִּׂיג זַיין דִי חָכְמָה עִלָּאָה, אוּן דֶערְפַאר פָארְט עֶר קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

קפג

נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַ טַעַם פַארְוָואס עֶר פָארְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל וֶוען עֶר פְלֶעגְט עֶפֶּעס דַארְפְן פוּן זַיין זֵיידֶע, רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זַ"ל, וָואס לִיגְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, פְלֶעגְט עֶר שִׁיקְן צוּ אִים דֶעם צַדִּיק רֶבִּי יְשַׁעְיָה זַ"ל וָואס לִיגְט אִין סַאמִילֶע. יֶעצְט אִיז אָבֶּער זַיין זֵיידֶע רֶבִּי נַחְמָן זַ"ל שׁוֹין אַרוֹיף אוֹיף גָאר אַ הוֹיכֶע פְלַאץ, אוּן עֶר קֶען מֶער נִישְׁט שִׁיקְן צוּ אִים רֶבִּי יְשַׁעְיָה זַ"ל, דֶערְפַאר פָארְט עֶר קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, כְּדֵי צוּ רֶעדְן מִיט זַיין זֵיידֶע רֶבִּי נַחְמָן זַ"ל, אוּן אוֹיךְ אָפְּשְׁמוּעֶסְן מִיט אִים אַ וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר זָאל קֶענֶען וִויסְן פוּן אִים שְׁטֶענְדִיג, צוּ בַּאקוּמֶען פוּן אִים אַלֶעמָאל וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן פוּן אִים.

קפד

לוֹיט וִוי מְ'הָאט גֶעהֶערְט אוּן פַארְשְׁטַאנֶען פוּן רֶבִּי'ן, הָאט עֶר גֶעהַאט אַסַאךְ טְעָמִים אוֹיף זַיין נְסִיעָה קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוֹיסֶער דִי בַּאהַאלְטֶענֶע טְעָמִים וָואס עֶר הָאט בִּכְלָל נִישְׁט אוֹיסְגֶעזָאגְט.

וַוייל יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט נָאר גֶעטוּן, הָאט עֶר עֶס קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעטוּן בְּלוֹיז צוּלִיבּ אֵיין טַעַם. יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן אִיז גֶעלִיגְן אוּנְטֶער דֶעם צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזְנְטֶער הוֹיכֶע אוּן טִיפֶע טְעָמִים אוּן עִנְיָנִים. בִּפְרַט דִי נְסִיעָה קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ מַמָּשׁ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מְסִירוּת נֶפֶשׁ.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִי"ה

גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"


## אומאן ראש השנה!

אלע אייערע געברויכן פאר אומאן

עירליין טיקעטס; טרעוול אינשורענס; און נאך

~ בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס ~

אייער פריינד

אלי קנאלל

718-506-4341

Plan it Rite

Travel the right way


# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## מען פארט שוין אהיים פון קעמפ

נאך צוויי לעכטיגע חדשים וואס די בחורים האבן זוכה געוועז צו זיין אין קעמפ, און זיך אנגעפילט מיט תורה ותפלה און יראת שמים מיט התחזקות, פארן די בחורים יעצט צוריק אין שטאט, און נעמען מיט אלעס וואס מען האט זיך איינגעזאפט אין די זומער צווישן די בערג צו די שטאט, צו ממשיך זיין ביתר שאת וביתר עז מיט די אלע הייליגע לימודים וואס מען האט אריינגעכאפט אין קעמפ.

דער יעצטיגער זומער איז געווען גאר א ספעציעלער זומער, די בחורים האבן אויסגענוצט די צייט און זיך אנגעפילט מיט תורה, עבודה און יראת שמים. טויזנטער פרקים משניות און בלעטער גמרא זענען געלערנט געווארן אין קעמפ, אויסער די פילע אנדערע שיעורי תורה וואס די בחורים האבן אריינגעכאפט. עס פארט זיך אהיים גאר אנדערש וויסענדיג אז מען נעמט עפעס מיט אין די האנט, מען פארט אהיים אנגעפולט מיט תורה ועבודה.

די קומענדיגע וואך וועט מען צוריק אנהייבן די סדר הלימודים אין ישיבה אין וויליאמסבורג, און זיך גרייטן צו די געהויבענע נסיעה צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה אין אומאן, די גאנצע ישיבה וועט אי"ה פארן אינאיינעם מיט'ן ראש ישיבה, זיך אויסבעטן א גוט געבענטשט יאר, און זוכה זיין צו די אלע גוטע הבטחות וואס דער הייליגער רבי האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס קומען צו אים אויף ראש השנה.

**אשרינו מה טוב חלקינו ומה נעים גורלינו!**

***

## פארשריט ביים נייעם בנין אין אומאן

שטייענדיג שוין ווייניגער פון פינף וואכן ביז מיר וועלן בעזר השם זיך הייבן אין די לופטן צו פליען פון אלע עקן וועלט צום ציון פון הייליגן רבין אין עיר הקודש אומאן, פילן מיר פאר וויכטיג צו האלטן דעם חשובן ציבור אפדעיטעד מיט די פארשריט וואס ווערט געמאכט טאג טעגליך ביים נייעם בנין אין אומאן, וואו הונדערטער אנשי שלומינו וועלן ווילן פאר ראש השנה אינאיינעם מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, וואו מען וועט דאווענען אלע תפילות מיט השתפכות הנפש, לערנען יעדן טאג די שיעורים כסדרן, און עסן די סעודת שבת ויום טוב אינאיינעם מיט'ן ראש ישיבה שליט"א. אזוי אויך וועלן די קינדער באגלייט ווערן דורך די גאנץ יעריגע איבערגעגעבענע מלמדים, וועלכע וועלן לערנען און דאווענען מיט די קינדער.

יעצט ווען די שורות ווערן געשריבן האט מען ב"ה שוין

<<<<<<


## אומאן טראנספארטאציע

מיר שטעלן צו באסעס פון קיוב קיין אומאן, און פון אומאן קיין קיוב, פאר די דירעקט פלייטס

**אויך שטעלן מיר צו באסעס פאר גרופעס**

**צו באשטעלן רופט 646–642–1457**


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **שלמה יאקאבאוויטש** הי"ו

**צו די אפשערן פון זיין זון גרשון פרץ למז"ט**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

החתן **ברוך לאזאראוויטש** נ"י

**וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד מיט דורות ישרים ומבורכים

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **בנציון יאקאבאוויטש** הי"ו

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **הערשי בוים** הי"ו

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים


## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;**

**דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספים; און נאך**

212-444-9169 /845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**